Y P(10) 2537.35
7
25-28
1956-57

# די גאָלדענע קייט

פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

25

אַרויסגעגעבן פון ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל
תל־אביב
1956

HARVARD UNIVERSITY

# די גאָלדענע קייט

פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

רעדאַקטאָר: א. סוצקעווער

מיטרעדאַקטאָר: אליעזר פּינעס   רעדאַקציע־סעקרעטאַר: מענדל מאַן

25

אַרויסגעגעבן פון ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל

תל־אביב 1956

„די גאָלדענע קייט“ (שלשלת הזהב), רבעון לספרות ולבעיות חברתיות
בהוצאת ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל
העורך: א. סוצקבר
עורך משנה: אליעזר פינס
מזכיר המערכת: מנדל מאַן

ערשטער מיטרעדאַקטאָר פון זשורנאַל
אברהם לעווינסאָן

„DI GOLDENE KEYT“
Three-Monthly Periodical for Literature and Social Problems
Published by the General Federation of Jewish Labour in Israel
Tel-Aviv, P.O.B. 303

PRINTED IN ISRAEL

אַדרעס פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: הוצאת „די גאָלדענע קייט“
תל־אביב, רחוב ארלוזורוב 93, תיבת דואר 303, טל. 21211

דפוס קואופרטיבי „אחדות“ בע״מ, תל־אביב, ת. ד. 159

# אינהאַלט

פינף און צוואַנציק נומערן די גאָלדענע קייט 5
אלמוני / קרבנות 7
א. סוצקעווער / פרץ מאַרקיש 10
יחיאל האָפער / דוד בערגעלסאָן 11
מלך ראַוויטש / וועגן איציק פעפער 25
משה יונגמאַן / וואָרקוטע 31
בערנאַרד טורנער / מיין באַגעגעניש מיט דוד בערגעלסאָן און איציק פעפער 33
א. מ. פוקס / דער אַלטער וואָלף (דערציילונג) 38
איציק מאַנגער / צוויי לידער 57
רפאל מאַהלער / קיום־האומה אַמאָל און היינט 58
אריה שמרי / אַזוי טוט די צייט 74
זלמן שזר / נחום סאָקאָלאָוו 79
מרדכי שטריגלער / אַ הספד נאָך מיין אַדרעסן־ביכל 86
ב. י. מיכלי / דוד שמעוני און זיינע אידיליעס 111
ש״י עגנון / דער פאַרבאָרגענער צדיק (דערציילונג) 117
ה. לייוויק / מיין טאַטע אויף דער בלויער וואַנט 128
נ. בנארי / מיט אברהם לעווינסאָן 130
מרדכי נמיר / די הסתדרות און די מדינה 132
א. לעיעלעס / יעקב גלאַטשטיין צו זעכציק יאָר 150
אלחנן וואָגלער / באַלאַדע פון מאַנמאַרט 164

קאַ. צעטניק / תּפילה אין אוישוויץ 166

י. פּאַפּיערניקאָוו / לידער 170

י. מ. ניימאַן / היינריך היינע 172

מ. גראָס־צימערמאַן / קראַנקער ייִד און גרויסער קינסטלער 181

אהרן ניסענזאָן / די באַלאַדע פון אַ ניגון 188

ש. מילער / אָן אַ טעם (דערציילונג) 195

רייזל זשיכלינסקי / לידער 231

א. מוקדוני / צוויי פּאָעמעס (וועגן ל. פיינבערג און בעריש וויינשטיין) 234

רחל פישמאַן / דריי לידער 245

א. קאַרפּינאָוויטש / ווייסע הייזער (דערציילונג) 248

פּרץ מיראַנסקי / גאָטס שפּיגל 264

ה. רויזענבלאַט / דער דראַנג צו פאַרשטאַנען ווערן 265

ש. וואָרזאָגער / דריי לידער 271

הערץ בערגנער / די שכנים פון עדגאַר סטריט (דערציילונג) 273

יעקב פרידמאַן / אונדזער זיידע יונה 283

יעקב הדס / ישׂראל זאַנגוויל 288

יוסף קערמיש / דער געטאָ־אויפשטאַנד און די פּוילישע באַפעלקערונג 298

י. י. סיגאַל / מאַני לייב 312

א. סוצקעווער / דער קרייז פון די נאָענטע 318


שרייבער און ווערק:


מרדכי יפה / על נהרות (וועגן דער זאַמלונג ייִדישע פּאָעזיע איבערגעזעצט פון שמשון מעלצער) 324

יעקב באַטאָשאַנסקי / געקליבענע ווערק פון משה אַלטמאַן 330

יצחק פאַנער / די באַן (וועגן בוך דערציילונגען פון צבי אייזנמאַן) 334

אינהאַלט פון זעקסטן יאָרגאַנג די גאָלדענע קייט


# פינף און צוואַנציק נומערן די גאָלדענע קייט

אונדזער איצטיקער נומער די גאָלדענע קייט האָט באַדאַרפט זיין אַ יום־טוב־נומער — אַזוי האָבן מיר פאָרויסגעזען. פינף און צוואַנציק נומערן פון אַן ערנסטן ייִדישן זשורנאַל איז אַ געשעעניש, בפרט נאָך ווען ער דערשיינט רעגולער אין ישׂראל, ווו די ייִדיש־טראַדיציע איז נאָך גאָר יונג — —

אונדזער יום־טוב איז אָבער פאַרשעמט און פאַרשטערט פון דעם פּאָגראָם איבער די ייִדישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד; אַ פּאָגראָם, וואָס האָט ניט קיין גלייכן מיט זיין אכזריות, אַ פּאָגראָם וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין אַ צייט פון שלום, אין אַ וועלט פון שלום...

אמת, דער פּאָגראָם איז אָנגעגאַנגען פּערמאַנענט, מיט אַ פּראָגראַם, אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָרן, ווען הונדערטער ייִדישע און העברעיִשע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער זענען פון דער גרויזאַמער סאָוועטישער האַק פאַרשניטן געוואָרן. דער קלאַפּ פון 1952, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו די לעבנס פון דוד בערגעלסאָן, דער נסתּר, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, דוד האָפשטיין, איציק פעפער און נאָך און נאָך — איז די לעצטע לאָפּעטע ערד אויף דעם גרויסן מאַסן־קבר פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דעם לאַנד פון „סאָציאַליזם”.

אגב, זענען מיר כלל ניט זיכער, צי די לעצטע מאָהיקאַנער פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור זענען טאַקע דערמאָרדעט געוואָרן אין 1952 בימי סטאַלין. פון וואַנען ווייסן מיר? דער פּראָקוראָר וואָס האָט אָנגעזאָגט די משפּחות פון די אומגעבראַכטע וועגן באַגאַנגענעם „טעות” — אים זאָלן מיר גלייבן? פון וואַנען ווייסן מיר, צי ער אַליין איז ניט מיטשולדיק אין גרויזאַמען פאַרברעכן?

די זעלבע וואָס האָבן מיכאָעלסן אומגעבראַכט אין מינסק, האָבן דאָך אים שפּעטער איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע לוויה — — —

נאָר וואָס איז דער חילוק: 1952—1956, איינס גלייבן מיר דעם פּראָקוראָר: די שרייבער זענען ל י ק װ י ד י ר ט געוואָרן!

... און אויף אַלע ביימער
לאָזט מיך אויסקריצן מיטן לאַמטערן
דעם שטומען, נאַכטישן טויט פון דער טייגע —
וואָרקוטע...

3

אונטערגאַנגענע אין טייגע.
מיר ווערן פּאַמעלעך ביימער,
ווערן פּאַמעלעך מאַמוטן,
שוואַרצע הימלען וואַקסן זיך צונויף איבער אונדז.
קליינע רינען פון אונדז אַראָפּ לאַמטערנס.

האַרטע, קלינגענדיקע בגדים.
אונדזער לייב איז אַ גלאָק פון ליידיקייט.
ווייט, ווייט פלאַטערט נאָך אַרום אַ האַרץ.
דו האָסט אויך אַמאָל געהאַט פּיס
איידער זיי זענען צעטאָפּיעט געוואָרן...

דאָס שטאָלענע אייז אַרום אונדז!
מיר זעגן זיך אַדורך און עס רינט ניט קיין בלוט.
אונדזער נאָמען איז אַוועק מיט דער פּאַרע,
געבליבן הענגען אין מיטן
ווי שניי...

4

דאָ ענדיקט זיך אַלץ
מיט יעדן זיפּץ פון בוים,
יעדן זיפּץ פון מענטש.
לבנה פאַלט אַרויס פון הענט
ווי אַ נאַסע זעג,
נאַכט וועט באַלד אַראָפּקומען
און דיך אויסטרינקען.
דו וועסט ווערן איינגעגלאָזט
אין איר שוואַרצן אייז.
דו און דיין אויסגעגאַנגענע לבנה
אין אויג.
וואָרקוטע...



בערנאַרד טורנער / תּל־אביב

# מיין באַגעגעניש מיט דוד בערגעלסאָן און איציק פעפער אין סאָוועטישן אַרבעט־לאַגער בראַטסק*

אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז דאָס געווען סוף מערץ 1949, ווען מיר, אַ גרופּע שקלאַפן, מענער און פרויען, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן פון לאַגער זאַיאַרסק ביים טייך אַנגאַראַ קיין בראַטסק, ווו עס האָבן זיך געפונען „אונדזערע" הויפּטקוואַרטירס. יעדער פון אונדז האָט באַקומען צוויי קילאָ מיט פיר הונדערט גראַם שוואַרץ ברויט, פיר הערינג און זעכציק גראַם צוקער — צידה־לדרך אויף פיר טעג.

אויפן זאַמלפּלאַץ, אַ זעקס קילאָמעטער ווייטער, האָט שוין געוואַרט אַ המון פון אַן ערך צוויי טויזנט מאַן. מיר זענען געגאַנגען דורך געדיכטע וועלדער, אין איינגעשטעלטע שורות, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע שומרים און באַגלייט פון סטאַיעס הינט, וואָס זענען געווען גוט אויסגעדרעסירט צו באַפאַלן יעדן איינעם וואָס וועט אָפּשטיין פון דער מאַרשירנדיקער שקלאַפן־מחנה. מיר האָבן מאַרשירט פערציק קילאָמעטער אַ טאָג, נאָר אין די נעכט איז אונדז געווען דערלויבט צו דערוואַרעמען די געפרוירענע, אויסגעמאַטערטע אברים ביי די פונאַנדערגעלייגטע שייטערס אויף דעם צעטייעטן פרילינגשניי.

אויפן פינפטן טאָג זענען מיר קוים לעבעדיקע אָנגעקומען אין בראַטסק. דער לאַגער — אַ שטח פון אַן אַכט הונדערט יאַרד — איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פּלאַנקען, אַרום צען פוס הויך, און איבער אים, אַרום און אַרום — פערצן רייען שטעכלדראָט. אין די פיר ווינקלען פון לאַגער — פון דרויסן — זענען געשטאַנען טורעמס, אויף וועלכע היטער, באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער, האָבן געהאַלטן וואַך. איבערן גאַנצן שטח זענען געווען צעוואָרפן זעקס און דרייסיק באַראַקן און אַכט מיליטער־געצעלטן. די דורכשניטלעכע גרייס פון אַ באַראַק איז געווען אַרום פערציק יאַרד לאַנג, צען יאַרד ברייט און דריי־פיר יאַרד הויך. יעדער באַראַק איז געווען באַשטימט פאַר זעקס און ניינציק מאַן.

גלייך נאָך אונדזער אָנקומען אין נייעם לאַגער בין איך פאַרשלונגען געוואָרן אין איינעם פון די סאַמע איבערגעפּולטסטע באַראַקן, וואָס האָט דערמאָנט מיט זיך אַ רוישנדיקן בינשטאָק. איבער פינף הונדערט מענטשן זענען דאָ געווען אויסגעמישט אין איין גרויער מאַסע. אַלע פעלקער פון דעם גרויסן און ברייטן רוסלאַנד זענען געווען

---

* בערנאַרד טורנער, דער מחבר פון דעם מאמר, איצט אין ישראל, איז געווען אין די יאָרן 1941—1943 קאָרעספּאָנדענט פון **לאָנדאָנער** דיילי הערעלד **און תּל־אביבער** דבר **אין מאָסקווע.** אין 1943 איז ער פאַרמישפּט געוואָרן אויף צען יאָר אַרבעט־לאַגער. נאָך סטאַלינס טויט איז ער באַפרייט געוואָרן, און נאָך פאַרשיידענע גלגולים און פּיין האָט ער זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעראַטעוועט פון ראַטן־רוסלאַנד און געקומען קיין ישראל, ווו ער שרייבט איצט אַ בוך וועגן זיינע איבערלעבונגען.

פּאַרטראַטן אין אַט דעם מענטשן־געקנויל. פּאָליטישע אַרעסטירטע, „פֿיינד פֿון פֿאָלק", צוזאַמען מיט די נידעריקסטע פֿאַרברעכער, מערדער, גנבֿים. איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פֿון די ווענט האָבן זיך געצויגן הילצערנע פּריטשעס, אויף וועלכע עס זענען געלעגן צונויפֿגעקנאָדערט מענטשלעכע גופֿים ווי קופּעס שמאַטעס. ניט פֿאַר אַלעמען איז געווען אָרט אויף די פּריטשעס — און די ערדענע פּאָדלאָגע איז געווען פֿאַרלייגט מיט קערפּערס, איבער וועלכע מען האָט געמוזט טרעטן, אויב מען האָט געפּרוווט זיך רירן פֿון אָרט.

*

ניט ווייט פֿון דעם וואַסערפּאַס, ביי דער סאַמע טיר — האָב איך באַמערקט — איז אויף אַ טאַבורעט געזעסן אַן אַלטער מאַן, אַ ייִד. ער איז שוין געווען אין אַזאַ מצבֿ, אַז פֿאַר נאָרמאַלע אַרבעטן האָט ער ניט געטויגט און דערפֿאַר, ווייזט אויס, האָט מען אים געמאַכט פֿאַרן באַראַק־רוימער. איך בין געווען שרעקלעך מיד און געזוכט אַ ווינקל ווו צוצושפּאַרן זיך. איך האָב ניט אַראָפּגענומען מיין אויג פֿון דעם אַלטיטשקן באַראַק־רוימער. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זיין דורכדרינגענדיקער בליק און קלוג פּנים האָבן געצויגן צו זיך און געוועקט צוטרוי. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און אַ פֿרעג געטאָן, צי וואָלט ער מיר ניט געקענט אָנווייזן אַן אָרט, ווו איך זאָל קענען אַוועקלייגן מיינע מידע ביינער. דער אַלטיטשקער האָט זיך אַ קער געטאָן צו איינעם, וואָס איז האַלב אָנגעלענט געלעגן דערביי: — חבֿר פּעפֿער, האָט ער געזאָגט, זייט אַזוי גוט, רוקט זיך אָפּ אַ ביסל און לאָזט דעם מענטשן זיך אַוועקלייגן. דער נאָמען פֿון דעם האַלב ליגנדיקן מענטשן און זיין אָנבליק האָבן מיך אין גאַנצן אויפֿגעטרייסלט. ניט געקוקט אויף זיין מאָרימדיקן אויסזען, האָב איך אים גלייך דערקענט. דאָס איז געווען דער באַקאַנטער ייִדישער פּאָעט, דער פּאָלקאָווניק פֿון דער רויטער אַרמיי — איציק פּעפֿער. איך האָב זיך געטראָפֿן מיט אים און מיט דעם באַרימטן אַקטיאָר שלמה מיכאָעלס אין „גראַנד־האָטעל" אין קויבישעוו ערבֿ זייער אָפּפֿאָר קיין אַמעריקע, אַלס דעלעגאַטן פֿון אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט, אין יאָר 1943. דער אומגליקלעכער פּעפֿער האָט אויסגעזען דאַר און אויסגעטריקנט — הויט און ביינער און אַ בינטל נערוון. ער האָט געציטערט אין אַלע אבֿרים, נערוועיש געביסן די בלאָע ליפּן און מיט שטאַרע בליקן געקוקט אַרום זיך, מורמלענדיק עפּעס צו זיך אַליין. מיין האַרץ האָט אין מיר געוויינט. איציק פּעפֿער, דער פּראָמינענטער ייִדיש־סאָוועטישער דיכטער, האָט זיך געוואַלגערט אין מיסט און שמוץ, עטלעכע טריט פֿון דער „פּאַראַשע". אָנגעטאָן איז ער געווען אין שמאַטעס, די הויזן פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, אויף וועלכער עס איז געהאַנגען אַ מיליטערישע בלעכענע מאַנאַשקע. זיינע ברילן, די כאַראַקטעריסטישע פּעפֿער־ברילן, זענען געווען צעבראָכן און צוגעבונדן מיט שטריקלעך.

איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז דער אַלטיטשקער, דער רוימער פֿון באַראַק, איז דוד בערגעלסאָן, דער גרויסער ייִדיש־סאָוועטישער פּראָזאַיקער. מיר זענען געווען צוזאַמען נאָר איין וואָך און האָבן אַ סך געשמועסט צווישן זיך. כ'האָב פֿון זיי געהערט, אַז אַ געוויסע צייט איז אין דעם לאַגער געווען אויך פּרץ מאַרקיש. ער האָט דאָ אָנגעשריבן אַ גרויסע צער־און צאָרן־פּאָעמע „די דריטע רוימישע אימפּעריע", אָבער בעת אַ רעוויזיע האָט די נ.ק.וו.ד. געפֿונען דעם מאַנוסקריפּט (אַ זעקס־זיבן העפֿטן, פֿאַרשריבן געדיכט מיט קליינע אותיות), און איבערגעשיקט די העפֿטן קיין מאָסקווע. קורץ





נאָך דעם איז פֿון דאָרט אָנגעקומען אַ באַפֿעל: אַרעסטירן מאַרקישן און פֿאַרשפּאַרן אים אין אַן איינצל־קאַמער פֿון דער לאַגער־טורמע. פֿון דאָרטן האָט ער בערגעלסאָנען צוגעשיקט אַ בריוול, אַז מען מאַכט אים אַ נייעם פּראָצעס. פֿון דעמאָלט אָן איז מאַרקיש פֿאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור.

פּעפֿער און בערגעלסאָן האָבן מיר דערציילט, אַז זייער אַרעסט איז אַ פּועל־יוצא פֿון אַ דויערנדיקער אַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1944. דעמאָלט האָבן זיי צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט וועגן דער אַנטיסעמיטישער ליניע, וואָס ווערט אַדורכגעפֿירט דורך דער פּאַרטיי און דער רעגירונג אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין 1944 האָט דאָס סאָוועטישע אויסערן־מיניסטעריום אויפֿגעהויבן די פֿראַגע וועגן שטאַרקן דוחק אין דיפּלאָמאַטן, וואָס האָט זיך דעמאָלט גאָר שטאַרק געפֿילט, מחמת עס זענען אויסגעברייטערט געוואָרן די באַציִונגען מיט די מערבֿ־מלוכות. האָט מען אין מאָסקווע געעפֿנט די הויכע דיפּלאָמאַטן־שול אונטערן אָנפֿיר פֿון וויצע אויסערן־מיניסטער דעקאַנאָזאָוו. (ער איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פֿריינד בעריאַ). אין דער דיפּלאָמאַטן־שול האָט מען איינגעפֿירט אַ שטרענגע קוואָטע פֿאַר ייִדישע סטודענטן. פּעפֿער און בערגעלסאָן האָבן די פֿראַגע באַרירט אויף אַ געשלאָסענער פֿאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט לאָזאָווסקי, וויצע־אויסערן־מיניסטער פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, א. שטערן, געוועזענער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין רוים און צו יענער צייט פּראָפֿעסאָר פֿון דער דיפּלאָמאַטן־שול, איליאַ ערענבורג און שלמה מיכאָעלס. לאָזאָווסקי האָט וועגן דעם ענין אינטערווענירט ביי דעקאַנאָזאָוון, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט פּועלן. שפּעטער האָט ער קאָנפֿערירט וועגן דעם מיטן אויסערן־מיניסטער ווישינסקי, וועלכער האָט געלייקנט, אַז עס איז דאָ אַ דיסקרימינאַציע לגבי ייִדן. לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש האָט זיך בכלל אָפּגעזאָגט צו ריידן וועגן דעם ענין.

אין אַ צייט אַרום — האָט מיר בערגעלסאָן איבערגעגעבן — האָבן זיך באַקומען קלאָרע און דעפֿיניטיווע ידיעות, אַז די בייזע ווינטן בלאָזן פֿון קרעמל און אַז די אַנטיסעמיטישע ליניע אין דער אינעווייניקסטער פּאָליטיק פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד איז פֿולשטענדיק סאַנקציאָנירט דורך סטאַלינען און דעם פּאָליטביוראָ. אין די קרייזן פֿון די ייִדישע קאָמוניסטן איז מען געוווּר געוואָרן, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענג קאָנפֿידענציאָנעלן באַפֿעל, אויסצושליסן אַלע ייִדן, בתוכם אויך קאָמוניסטן, פֿון דער פּוילישער און טשעכאָסלאָוואַקישער נאַציאָנאַלער אַרמיי, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן דורך פּאָלקאָווניק בערלינג און גענעראַל סוואָבאָדאַ אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע.

דער באַפֿעל האָט אויסדריקלעך געזאָגט, אַז יעדער ייִד מיט אַ טיפּיש־ייִדישן אויסזען (אַ ייִדישע נאָז, געקרייזלטע האָר, ייִדישער אַקצענט) דאַרף אויסגעשלאָסן ווערן פֿון דער פּוילישער פֿרייהייטס־אַרמיי, דער רויטער אַרמיי און פֿון נ.ק.וו.ד., וואָס איז געווען צוגעטיילט צו דער פּוילישער אַרמיי. די ייִדן וואָס האָבן „גוטע" פּנימער, קענען פֿאַרבלייבן אין דער פּוילישער אַרמיי, אָבער זיי מוזן בייטן זייערע נעמען אויף ריין פּוילישע און פֿאַרטושן אַלע שפּורן פֿון זייער ייִדישקייט.

לאָזאָווסקי האָט איבערגעגעבן בערגעלסאָנען, אַז וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ, דעמאָלט אַ מיטגליד פֿון העכסטן סאָוועט און פֿרוי פֿון וויצע־מיניסטער פֿאַר אויסערן־ענינים אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אַ. קאָרנייטשוק, וואָס האָט געהאַט אַ צוטריט צו סטאַלינען אַליין, האָט אַ גרויסן חלק אין דער „נייער" אַנטי־ייִדישער פּאָליטיק, וואָס איז מיט גרויס

התמדה דורכגעפירט געוואָרן ניט נאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד נאָר אויך אין די לענדער פון מיזרח־אייראָפּע, ווו ס'זענען איינגעפירט געוואָרן קאָמוניסטישע רעזשימען. ווי בערגעלסאָן און פעפער האָבן מיר איבערגעגעבן, האָבן זיי און אויך אַנדערע יִדישע קאָמוניסטישע שרייבער און קולטור־טוער ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן אַנטי־יִדישן קורס, וואָס איז דאָך אין פולער סתירה מיט דער קאָמוניסטישער אידעע — און אין זייערע קרייזן האָבן זיי דיסקוטירט וועגן דער ניי־געשאַפענער לאַגע. אין די פאַר־זאַמלונגען האָט זיך אויך באַטייליקט איליאַ ערענבורג.

דערווייל איז אָנגעגאַנגען אַ כּסדרדיקע אַקציע פון מאַסן־אַרעסטן, בעיקר פון יִדן ביט־סאָוועטישע בירגער. דער אַנטיסעמיטישער קורס האָט זיך שוין אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן. און אָט, אין דער צייט פון דער אַקציע, איז געקומען דער אַרעסט פון די מיטגלידער פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ טאָטאַלן קאַמף קעגן יִדן און קעגן יִדישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. דער הויפּט־עדות קעגן די אַרעסטירטע, וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט אין יִדישן נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, איז געווען איליאַ ערענבורג. ער האָט אַ האַנט אויך אין די אַרעסטן פון אַ סך אַנדערע יִדן, בתוכם זיינע מקורבים, מסתמא כּדי צו ראַטעווען זיין אייגענע הויט. אַפילו לאָזאָווסקין, זיין נאָענטסטן פריינד, האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון נ.ק.וו.ד.

ווי פעפער האָט מיר געזאָגט, איז אויף אים געמאַכט געוואָרן אַ צוגאָב־בילבול, אַז ער איז געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די בונדישע פירער ערליך און אַלטער בעת זייער זיין אין קויבישעוו, הגם אין יענער צייט איז ער גאָר געווען אין טאַשקענט. אַחוץ דעם האָט מען אים באַשולדיקט אין מיטאַרבעט מיט ציוניסטן און בונדיסטן בעת זיין וויזיט אין ניו־יאָרק.

אי פעפער, אי בערגעלסאָן און אויך אַנדערע יִדישע קאָמוניסטן זענען בעת די אויספאָרשונגען געפייניקט געוואָרן מיט די בעסטיאַלישסטע מיטלען. פעפער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז בעת אַ קאָנפראָנטאַציע אין לוביאַנקי האָט ער געזען לאָזאָווסקין מיט אַ צעבראָכענעם אָרעם און מיט אַ שוואַרץ־בלאָ פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי איין גרויסע ווונד. ס'האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז לאָזאָווסקי איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד אין תּפיסה, אָבער פעפער האָט מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז אין לוביאַנקי איז אומ־מעגלעך געווען צו נעמען זיך דאָס לעבן, ווייל ביי די אַרעסטירטע האָט מען צוגענומען יעדער זאַך וואָס קען דינען ווי אַ מיטל צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ס'איז אָן שום ספק, אַז לאָזאָווסקי איז פאַרפייניקט געוואָרן געגנוי ווי אַ סך אַנדערע, וואָס זענען אומגעקומען פון די אַכזריותדיקע פייניקונקען און יסורים וואָס מען האָט זיי אָנגעטאָן.

בערגעלסאָן האָט מיר דערציילט, אַז צו אים האָט מען, צווישן אַנדערע, אָנגע־ווענדט דעם באַקאַנטן מעטאָד פון אַוועקזעצן אויף אַ צווייפּיסיקן טאַבורעט. ער האָט געמוזט זיצן אַזוי גאַנצע צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. ביים מינדסטן באַוועג, פלעגט ער פאַרלירן די גלייכוואָג, אַראָפּפאַלן פון טאַבורעט און זיך צעקאַלעטשן און צעמזיקן. ער האָט זיך ווידער געמוזט אַוועקזעצן און איז ווידער געפאַלן אויף דער שטיינערנער פאָדלאָגע. ניט איין מאָל האָט אַזאַ טאַבורעט זיך צעבראָכן אויף שטיקלעך, האָט מען געבראַכט אַנדערע, — אַזוי טעג און וואָכן... צום סוף האָט מען פאַר די טאַבורעטן אויסגעפונען אַ ספּעציעלן מאַטעריאַל וואָס ברעכט זיך ניט... אָבער די געבראָכענע





אברים פון די מענטשלעכע קרבנות — פאַר זיי האָבן די אינקוויזיטאָרן, פאַרשטייט זיך, קנאַפּ וואָס געדאַגהט...

אַז איך האָב זיך געזעגנט מיט בערגעלסאָנען און פעפערן און זיי איבערגעגעבן וועגן מיינע פּלענער אַרויסצוראַטעווען זיך פון דעם גיהנום, האָבן זיי געהאַט צו מיר די פאָלגנדיקע בקשה: אויב איר וועט זיך ווען עס איז טרעפן מיט איליאַ ערענבורג, בעט אים אין אונדזער נאָמען אַרויפלייגן בלומען אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון די אומשולדיק דערמאָרדעטע, וואָס ער האָט אַ היפּשן חלק אין זייער מאַרטירער־טויט.

*

זעקס יאָר שפּעטער, אין אָקטאָבער 1955, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט — און די סאַטיספאַקציע — צו דערפילן דעם לעצטן ווונטש פון בערגעלסאָן און פעפער. דאָס איז געשען אויפן ווינער אַעראָדראָם. אין ביי זיין פונעם פאָרזיצער פון סאָוועטישן שרייבער־פאַראיין, ניקאָליי טיכאָנאָוו, האָב איך וואָרטלעך איבערגעגעבן ערענבורגן די לעצטע בקשה פון זיינע פען־חברים בערגעלסאָן און פעפער. ערענבורג איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. די ליפּן האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן און פון מויל האָט אַרויסגעשלאָגן אַ שוים. אַ פאַרלאָרענער האָט ער אָנגעהויבן זיך אָפּרוקן און איז גיך אַוועק פון מיר.